Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ṿinṭer

Brenner, Yôsēf Ḥayyîm
ברנר, יוסף חיים

Ṿarshe, 1936

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8203

Visual Library

## ט

אונזער נסיעה אַהיים איז לכתחילה געווען מיטן געדאַנק צו פאָרן פון דאָרטן, נאָך די ימים-טובים, ערגעץ אין אַ גרויסער שטאָט אַריין, כּדי צו ווערן מענטשן. אָבער די צוויי חדשים, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין צ., האָבן צונישט געמאַכט דעם דאָזיקן באַשלוס אונזערן.

עובדיהס קלענערער ברודער איז קראַנק געוואָרן. די ציטעריקייט פון די עלטערן לגבי זייער זון דעם בכור איז צוליב דעם גרעסער געוואָרן. און דער לעצטער האָט נישט געקענט בײַשטיין אַזאַ עלטערן-ליבע און ער איז פאַרבליבן אינדערהיים.

אויך איך האָב מיך דאַמאָלס נישט געפונען אין קיין מלחמה-צושטאַנד. מײַנע אמתן זענען נאָך געווען זייער שוואַכע און זיי זענען אָוועקגעבלאָזן געוואָרן פון אַ געוויינלעך ווינטל. אין מײַן אויסערלעכקייט איז פאָרגעקומען זייער אַ קליינער שינוי, אַזוי אַז מ׳האָט גאָרנישט דערקענט, וואָס בײַ מיר אין האַרצן טוט זיך, און איך האָב בכן פאַר מײַן תּורה און פאַר מײַן גוטע אויפפירונג געהאַט כּבוד און גליק. און דעם מענטשנס שוואַכקייט איז שטאַרקער פון אים, די ליובּ, וועלכע מ׳פלעגט פאַרשפרייטן אַרום מיר, האָט געפאַנגען מײַן „קאַליע ווערן", וואָס האָט זיך פאַרבאָרגן אין אָפּנאַרערײַ. ניין, אָבער נאָך גרעסער דערפון, און גרעסער אויך פון מײַן טאַטנס אויפווייזונגען, אַז „תּורה איז די בעסטע סחורה", איז געווען מײַן רחמנות אויף מײַן מאַמען, אין איר שווער לעבן, וואָס איז פול מיט באַליידיקונג און פלאָגעניש, פאַרנעם איך דאָך,

איך, איר טייערער זון, אַ גרויס אָרט, איר גאַנצע טרייסט — בין איך. איר לעבן איז בלויז צרות, בלויז אָרימקייט, בלויז שאַנד און פאַראַכטונג. זי איז זאַט מיט אַ שטענדיקן טומל, אַ פאַרשטונקענע ליכט, פּלאָגענישן און יסורים. יעדער היזק, וואָס טרעפט, יעדעס צעבראָכן טעפל מאַכן זי פאַר אַן אומגליקלעכע־ און די קינדערשע קרענקענישן און דעם מאַנס גראָבקייט, און די מאַטערניש, וואָס איז גרעסער פון אירע כוחות... זאָל דער איינציקער שטערן אין איר לעבן, — זאָל אויך ער פאַרלאָשן ווערן? ניין! איך טאָר נישט זיין אַזאַ אַכזר! איך וועל נישט פאַרלאָזן מיינע עלטערן. ווען האָב איך אַחוץ זיי? קיינער האָט נישט פאַרמיטן פון צו שפּייען מיר אין פנים אַריין, און זיי פילן אַ ליבע צו מיר. זאָל איך זיי פאַראַכטן? ניין, איך וועל נישט זיין האַרט ווי אַ דעמב. איך וועל גיין אין זייערע וועגן — און ס׳וועט מיר גוט זיין.

און בכן איז עובדיה פאַרבליבן אין צ. און איך בין נישט אַוועקגעפאָרן אין קיין גרויסער שטאָט צו ווערן אַ מענטש, נאָר איך בין צום צווייטן מאָל געפאָרן אין אַ קליין שטעטל אַריין, אין אַ „קיבוץ״ פון בטלנים. און אין האַרצן האָב איך ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז קיין זאַך וועט שוין מיך נישט אָפּרייסן, אַז איך וועל דערווייטערן פון מיר יעדעס פרעמדע ביכל, וואָס מאַכט אָן אַ שנאה צווישן דעם מענטש און צווישן זיין פאָטער אין הימל, אַז איך וועל זיין ווי אַלע „לערנער״ אין קלויז, איך וועל לערנען און לערנען...

אַ לאַנגע צייט האָב איך געהאַלטן דעם דאָזיקן נדר מיינעם. אָבער ווייַן, ווי באַלד ער איז נאָר קאַליע געוואָרן, איז ער שוין אויס וויין.

די שטיינער פון דער פינצטערער פעסטונג־מויער האָבן שוין צעשפּאָלטן מיין קאָפּ, ווען זיי זענען אַרויסגעפאַלן איינציקווייַז. די זייַלן זענען צעשטערט געוואָרן. דער פונדאַמענט האָט גענומען פוילן און דער מאָל האָט שוין אויך געפרעסן מיין האַרץ. וועט דען אויסהאַלטן דער שוואַכער טינק, מיט וועלכן איך האָב געטינקט?

אַ נישט גוטער סימן איז געווען דאָס, וואָס אויך אין יע־
נע אַלע טעג, ווען איך פלעג מיך פירן ווי מיין שטרעבונג
איז דאַן געווען, אָן מרידות און רעוואָלוציעס, איז מיין גייסטי־
קער צושטאַנד געווען, פונדעסטוועגן, ווי מ׳וואָלט גענומען אַ
דאַר יינגל, אַ געצערטלטן, און מ׳וואָלט אים פאַרשיקט צווישן
ווילדע מענטשן צו אַרבעטן שווערע אַרבעט, און ער דרייט
זיך אַרום צווישן זיי אַן אומעטיקער... די סביבה ווייסט נישט
זיינע שטימונגען, זיינע געפילן, זיינע באַדערפעניש, און ער
ווייסט נישט ווי צו דערפילן זייערע פאַרלאַנגען... און ער דרייט
זיך אַרום אַ פאַראומערטער מיט דער לאַסט פון זיין טרויער,
אַן אומעטיקער מיט זיין ביטער געמיט...

איך פלעג מיך דאַן באַמיען זיך איינצורעדן, אַז דער
בעסטער וועג איז צו לערנען אַלץ הלכה למעשה, פשוטער
פשט, צו גיין אינעם וועג פון די „ראשונים", וועלכע שטייען
העכער מיט דער פשטות פון זייערע סברות פונעם קרומען פיל־
פול און שאַרפן דרוש פון די ליטווישע און פוילישע גאונים פון
די לעצטע צייטן, און דערמיט האָב איך געגעבן אַ מעגלעכקייט
מיינע חברים אַרויסצוזאָגן זייער מיינונג וועגן מיין „קענען לער־
נען" דורך אַן „עט", דאָס רוב אויך אָן אַ „כאַטש" פון אָנהייב...
און נאָך אַ זאַך איז געווען, כ׳האָב אויף איר נישט געקענט
מוותר זיין, און אויך זי האָט מיטגעווירקט, אַז מיינע חברים
זאָלן מבטל זיין: „די מצווה פון ישוב ארץ־ישראל" און אירע
אָנהענגער, דאָס הייסט די „חובבי־ציון", פון דער צייט פון מיין
רעדאַגירן דעם „המאור הקטן".

די סאָפיזמען, ביי וועלכע איך האָב זיך געהאַלטן אין
מיין אַלטער וועלט, זענען געקומען פון זיך זעלבסט, פון
דער טיפעניש פונעם קאַמף פון מיין גייסטיקער עקזיסטענץ!
איך האָב דאָך מיין גאַנץ לעבן מקריב געווען אויף דעם דאָזיקן
אָרט — ווי אַזוי־זשע זאָל איך אים פאַרלאָזן? דאָס איז געווען
אַ צושטאַנד, ווי דער צושטאַנד פון אַ קאָרטנשפילער, ווען ער
זעט, ווי זיין גאַנץ פאַרמעגן גייט אײן פון מינוט צו מינוט
איז אים שווער אינגאַנצן אָוועקצוואַרפן דאָס שפילן. אַזאַ

פאַרמעגן האָט ער פאַרלוירן ביז איצט — זאָל דאָס אַלץ טאַקע שוין זיין פאַרפאַלן?

אַז עס פלעגט מיר אַריינפאַלן אין די הענט אַריין איינס פון די „קליינע ביכלעך", פלעג איך נישט קענען גובר זיין מיין גלוסטונג און עס איבערלייענען; איך פלעג עס איבער־לייענען — און בעטן מיט אַלע מיינע כּוחות פאַרגעבונג פאַר דער שלעכטער זאַך, וואָס איך טו זיך אַליין.

פון די ספרים פון אונזערע חכמים, וואָס זענען זיך עוסק אין פילאָזאָפיע, די וואָס זעצן־פאָר דעם מוסר פונעם „חובת הלבבות", האָב איך מיך נישט געקענט אַוועקריירן, ציַיטנווייז פלעגן זיך ביי מיר שטאַרקן מיט אַ שרעקלעכער גבורה די געדאַנקען וועגן גאָטהייט און וועגן דער באַדערפע־ניש אָנצוהייבן אַן אַנדער לעבן: צו דאַוונען מיט מער כּוונה, נישט צו רעדן ג אָ ר נ י ש ט אַחוץ דברי תּורה, לעבן פון אייגענער אַרבעט, נישט צו קוקן אויף פרויען, זיך מטהר צו זיין, באַהעפטן זיך צום אייבערשטן און זיך צו היי־ליקן.

און ס'פלעגט טרעפן, אַז איך פלעג מיך אַליין שטראָפן, הלמאַי איך עס ביי פרעמדע. ר' פינחס בן יאיר האָט קיינמאָל קיין המוציא נישט געמאַכט אויף אַ שטיקל ברויט, וואָס איז נישט געווען זיין אייגנס. און באַזונדער, אַז איך בין דאָך נישט גלייך צו אַנדערע.

ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס אַלץ איז געווען אויסגעמישט מיט געמיינע געפילן, מיט פאַסקודנע תּנועות און מיט נאַרישע טאַטן, אַ רעזולטאַט פון מיין נאַטור און פון מיינע לעבנסבאַדינגונגען אין יענער צייט. ליכט און פינצטערניש, ריינקייט און טומאה, הייליקייט און וואָכעדיקייט האָבן גע־הערשט צוזאַמען, אין איין פלאָנטער.

און אַמאָל פלעגט מיר פּלוצים איינפאַלן אַריינצוגיין אין הויז פון איינעם פון די שטאָטישע משכּילים, ווייזן אים מיינע שירים און אים אויסדערציילן אַלץ:

— קוק נישט אויף דעם, — פלעג איך אים זאָגן, — וואָס

איך בין אַ ישיבה-בחור לויט מיין אויסערלעכקייט, וואָס מיין שפּראַך איז צעקאַלעטשעט. איך האָב זיך נישט געלערנט שיין צו רעדן. אַ נשמה האָב איך, מיין הער, אַ נשמה און אַ האַרץ. אַן אומרויִק האַרץ, אַ נשמה, וואָס שטרעבט צו ליכט...

אַזוי פלעג איך אים זאָגן.

און די טעג גייען פאַרביי, פאַרשווינדן...

איך בין שוין אַלט געוואָרן פולע זיבעצן יאָר... און איך זיץ אין קלויז...

---

צום לעצט איז געקומען דער אַנטשיידענער קריזיס.

ס'איז צעשטערט געוואָרן דער טעמפּל, צעבראָכן געוואָרן די וואַנט, ליידיק געוואָרן דאָס אָרט, פונעם פייער איז אַ פלאַם געוואָרן. אַוועק מיינע יונגע יאָרן...

די פראַגע איז געלעזט געוואָרן, זאָל זיין וואָס ס'וועט זיין — איך מוז פאַרלאָזן אינגאַנצן דאָס בית-מדרש, אויף שוין מער זיך נישט אומצוקערן, איך דאַרף פאָרן קיין א, אין דער גובערניע-שטאָט אַריין, כּדי זיך צו פאַפּולקאָמען אין לימודים.

צ., מיין געבורט-שטאָט, ליגט אויפן וועג, וואָס פירט פון דער שטאָט, ווו דער „קיבוץ" איז, ווו איך האָב געלערנט. קיין נ., איך בין געווען געצוווּנגען אָפּצוטרעטן אַהיים צו מיינע עלטערן.

די מאַסקע, וועלכע איך האָב מיר געמוזט אָנטאָן, בעת איך בין געווען ביי מיינע עלטערן, איז מיר געווען זייער שווער. אָבער איך האָב מיך באַרעכטיקט: נישט צוליב מיין טובה וועגן פּראַווע איך דאָך צביעות, נאָר צוליב דער רויִקייט פון מיינע עלטערן, וואָס כאָטש זיי זענען „פינצטערע פאַנאַטיקער", האָב איך דאָך נישט קיין רעכט זיי צו פאַרסמען זייער לעבן. אין פלוג איז די זאַך געראָטן: איך בין נאָך נישט געווען געוווינט זיך אויפצופירן פריי, צו זיצן מיטן „בלויזן קאָפּ", צו עסן אָן אַ ברכה, און ענלעכע זאַכן, וואָס

האָבן אַ שייכות צו דער פּראַקטיק. אָבער די ענדערונג אין מיין גייסט, וועלכע איז געווען „גרויס ווי דער אָפּגרונט", האָט אַרויסגעבראָכן אַנדערויסן אַרויס. טראָץ מיין גאַנצער פאַרזיכטיקייט.

— בכן, הייסט עס, האָסטו דעם לעצטן ווינטער בלויז איבערגעחזרט „סדר מועד"? — שמועסט מיט מיר מיין פאָטער דעם ערשטן טאָג פון מיין קומען — המ... אָבער... דאַכט מיר אַז אין „סדר מועד", אין די „בבות", ביסטו געווען בקי נאָך פאַר צוויי יאָרן, אַ?

— כע... — שטייט בעת מעשה מיין מוטער און האַלט די הענט אויפן האַרצן — ירמיה...

— וואָס ווילסטו, מאַמע? באַמי איך מיך צו מאַכן זיסער מיין שטימע, אַ דערפרייטער, וואָס האָט איבערגעריסן די פראַגע וועגן מיין לערנען.

— דו הערסט?... כ'האָב ערשט געקוקט אין דיין קעסטל...

— נו?...

— כע... כ'האָב געמיינט... דער טאַטע האָט געמיינט... וועסט קומען אויסגעפּוצט... האָסט דאָך דאָרטן תּלמידים אין דער ישיבה... ערשט... בלויז ספרים...

— ספרים? — גיט זיך אַ כאַפּ דער טאַטע — וואָסערע ספרים?

— ספרים!... „על פּרשת דרכים"...

— וואָס איז דאָס? אַ „שאלה-ותשובה"?

— ניין.

— טאָ זאָג-זשע: „ביכל"! וואָס-זשע זאָגסטו: „ספר! ספר!" זאָג אַ „ביכל" — וועל איך וויסן...

הייבט זיך דאַן אָן מיין מאַמע צו דערמאָנען, אַז ווען איך בין אַהיימגעקומען דאָס פריערדיקע מאָל, זענען ביי מיר אין קעסטל געווען „יורה-דעהס".

— נו, הער שוין אויף, הער אויף מיט דיינע טענות! — שרייט אויף איר דער טאַטע — דו זעסט דאָך, אַז ער איז

פאַרטון מיט זיינע אייגענע מחשבות און הערט נישט, וואָס דו רעדסט... ניין, ירמיה, אויף אַן אמת... טאַקע אַזוי, קיין געלט האָבן מיר נישט געשיקט, אָבער צו קויפן אָט די שמאַטעס, זאָלסט מיר מוחל זיין, האָסטו געהאַט געלט... מיין נישט... איך בייזער זיך נישט אויף דיר, חלילה: ס׳איז דיין געלט... אָבער ווו גייט דאָס אַ מענטש אַרום הויל־נאַקעט? נאַקעט, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט... דו טראָגסט דאָך אַ וואָכעדיק מלבוש... עס איז דאָך אַ חרפה און אַ שאַנד פאַר לייטן...

— וויי איז צו מיר! — העלפט די מאַמע אונטער מיט אַ יללה — וואָס וועט ער אָנטון צי גיין אין בית־המדרש?

— איך רעכן אינגאַנצן נישט גיין...—רייסט זיך ביי מיר אַרויס, איך האָב באַלד חרטה און איך פאַרשעלט מיין נאַרישקייט.

— איך קום פון וועג... און עס איז אַ שלעכט וועטער...— פרווו איך זיך פאַרריכטן מיין פעלער.

— אָבער דער בית־מדרש איז דאָך נישט ווייט פון אונזער שטוב! — האָבן דער טאַטע מיט דער מאַמען אויסגערופן ביידע מיטאַמאָל.

אין בית־מדרש שאָקל איך נאָר מיט די ליפּן, איך גיב נישט אַרויס קיין קול. אין אַ פרייער מינוט קוק איך אַריין אין אַ „עין־יעקב", אין אַ „מדרש". דער שמש פרעגט ביי מיר, וואָס פאַראַ עליה איך וויל, און באַקומט אַ תשובה: נישט קיין חילוק, וואָס איז די נפקא־מינה?

איך בין געוואָרן בעסער געשטימט.

דאַן האָט דער טאַטע אָנגעהויבן קנייטשן מיט די אַקסלען און ביי יעדער געלעגנהייט, אָן שום צוזאַמענהאַנג, באַפאַלן אָט די גראָבע יונגען, וואָס פאַרנעמען זיך מיט השכלה...

— קענ—טע—ניש... — פלעגט ער מיט שפּאָט אויסציען דאָס וואָרט — שוטים! צוליב וואָס? צו ווערן אַ דאָקטאָר איז פאַר אַ יידן היינטיקע צייטן זייער שווער... וואָס זשע דען? שרייבן „פראָשעניעס"? מיר זעען דאָך די

גליקן פון פנחס דעם שרייבער... ער גייט ממש אויס פון הונגער...

— אַ פּראַשעניע, אַ ביטע, ירמיה, — פּלענט ער צומלעצט זיך פּלוצים ווענדן צו מיר, — אַ ביטע קען מען קריגן פאַר אַ גילדן און אַ בלאַט גמרא קאָסט אַ רובל!

ער האט אויך געפּרובט מיך אָפּצורעדן פון מיין נסיעה קיין נ. וואס וועל איך דאָרטן טאָן? בעסער איך זאל בלייבן אין מיין געבורטשטאָט און לערנען אין דעם רבס נייער ישיבה (ר׳ חנן-נתן וועט דאס האלטן פאַר אַ כבוד און וועט זיך פריי-ען דערמיט), כ׳וועל מיר נעמען אַ צוויי-דריי תלמידים, כ׳וועל פאַרדינען אַ ביסל געלט און איך וועל מיר אויפנייען שבתדיקע בגדים. איך זע דאך, אז אויך עובדיה טוט אזוי...

— אָבער דאָ וועל איך נישט לערנען ווי געהעריק... „הוי גולה למקום תורה״, זאָלסט אוועקוואנדערן אין אַן אָרט פון תורה... אין נ. איז פאַראַן אַ קיבוץ פון הונדערט בחורים... און בכלל פאַרשטיי איך נישט... איך פאָר לערנען!...

— הער מיך אויס, ירמיה, מאַך זיך נישט פאר מיר תמעוואטע, נאר מיך נישט!... איך ווייס אלץ, וואס ביי דיר קומט פאר ירמיה. איך ווייס עס זייער גוט, נאך מער, ווי דו אליין ווייסט... אט איז די האָפענונג אונזערע, יהודית!... אלימלך האט געזאגט...

— איך פארשטיי נישט, וואס ווילסטו? איך פאר לערנען!

דער טאַטע גיט אויף מיר אַ קרומען קוק.

— דו פאָרסט לערנען!... אוודאי פארסטו לערנען! וואס דען זאלסטו טאָן? אָבער וויאזוי וועסטו לערנען? דער עיקר איז, וויאזוי דו וועסט לערנען!... דאמאָלס האָב איך דיר נישט געשטערט פאָרן, אבער איצט... איך לאָז נישט ארויס, חלילה, אויף דיר אַ שם רע. אַדרבה, דו ווילסט אַ ביסל עוסק זיין אין השכלה — נו נו!... איך בין נישט ישראל דרדקי-מלמד, איך פארשטיי. אז איצטיקע צייטן — אויב מזאָל נישט פטרן דערויף קיין צייט — איז קיין רייד נישט... לויט מיר נאך, צווישן חסידים זיי אַ חסיד און צווישן

משכּילים — משכּיל; גוט, אז סוועט דיר אויסק׳מען צו רעדן מיט אזעלכע מענטשן — ווייז זיי, אז דו פארשטייסט זייערע ענינים און פארשעם זיי... איך וועל דיר נישט שטערן דערצו אויך דאָ... לערן זיך אַ ביסל... עובדיה לערנט זיך אויך... אָבער נאך וואס דארפסטו אוועקפאָרן? צי דו וועסט שוין איצט ווערן אַ רב — גאָט ווייס... הייסט עס, אַ „באַלעבאַטישער" בחור — דאַנקען גאָט!... איך קלאָג זיך נישט... וועסט לערנען דאָ — ציט ער אויס אויף זיין שפראַך.

— פארוואס נישט, מיין זון? פארוואס נישט? — העלפט אים צו מיין מאַמע.

אומזיסט אלע רייד! — עקשן איך מיך — דאָ וועל איך נישט בלייבן...

— אָבער פאָר, פאָר דיר געזונטערהייט!.. ווער פארהאלט דיך?.. גיי דיר אין דיין וועג, וואס דו האָסט זיך אויסגעקליבן... טו, וואס דיין הארץ גלוסט... איך זע, אז דו האלטסט זיך קליגער פאר מיר טויזנט מאָל... אַ פילאָזאָף!.. בשם אלהי... פאָר... אָבער זאָלסט דערנאָך קיין חרטה נישט האָבן, ירמיה! געדענק, אז עס וועט דיר שפעטער באנג טאָן!..

איך בין געווען זיכער, אז איך וועל קיין חרטה נישט האָבן. איך האָב געפרובט אויך עובדיהן איבערעדן, ער זאל פאָרן מיט מיר צוזאמען, אָבער ער האָט נישט געוואָלט.

ער האט דערפילט די ראָל פון א האלב משכּיל ביי זיך אין שטאָט, וואס אגיטירט צו אָבאָנירן העברעאישע צייטונגען, שיקט קאָרעספּאָנדענציעס, לערנט אין געהיים די ישיבה־יינגלעך תנ״ך און דקדוק. זיין מאמע האט געזען באַשיינפערלעך די נוצלעכקייט פון דידאָזיקע זאכן, וואָרום איר עובדיה שרייבט אדרעסן, „נעמט אָפּ די פּאָסט", און אז מ׳האט אמאָל גערופן ר׳ חנן-נתנען צום שטאָט-באַאמטן וועגן עפּעס אַ געשעעניש און ער האט נישט פארשטאַנען קיין איין וואָרט פון דעם. וואס יענער האט געזאָגט — האט זי זיך נאכמער איבערצייגט, אז אויך א רב דארף קענען יענע זאכן, אויף

וועלכע עובדיה פארברענגט זיין צייט. און ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, איז אויך ר׳ חנן-נתן נישט געווען געטריי צו זיך אין זיין באציונג צו עובדיהן. אָבער מהאט זיך לייכט געקענט פאָרשטעלן, אז די זאך גייט נישט אָפּ דעם טאטן אָן גרויסע ליידן. אין אַ הייסער מינוט פלעגט ער רופן דעם זון „קאָנדוקטאָר״ און „אגענט״...

ס׳איז מיר אמאָל אויסגעקומען בייצוואוינען אזא סצענע. די רביצן האָט גערעדט וועגן עובדיה׳ס קלענערן ברודער, וועלכער איז געווען זייער קראנק. זי האט געלאכט פונם דאקטארס עצה, ער זאל ווייניקער לערנען. נאָר א „גוי״ קען געבן אזעלכע עצות. אים איז עס גרינג. באמת, די דאָקטוירים וויסן גארנישט. איינאונאיינציקן דאָקטאר האבן מיר און נאר אויף אים דארפן מיר זיך פארלאָזן. מ׳האט דאך טאקי נישט געפאָלגט דעם „שמאָקטער״, און מענדעלעס קאָפּ-ווייטיק איז קלענער געוואָרן! קלאָר ווי דער טאָג, אז סאיז נישט מער ווי אן עין־הרע, און מ׳דארף רופן ר׳ ישראל דרדקי-מלמד, ער זאל זי אָפּשפרעכן, ער איז אַ מומחה דערצו.

— עט, עין־הרע... — וויל עובדיה אָנטאָן אַ נחת־רוח מיין פריידענקערישקייט.

— וואס ?! — האט זיך א כאפּ געטאָן ר׳ חנן־נתן, וועל-כער איז אָן דעם אויך געווען אין כעס — וואס ? דו גלויבסט שוין אין קיין עין־הרע אויך נישט... „קאָנדוקטאָר״ מיינער !.. די גמרא איז פול מיט אָפּשפרעכענישן און מיט סגולות... רב האט געזאגט : ניין און ניינציק פון הונדערט שטארבן פון עין־הרע.. און ער—דער „אגענט״ !.. ווען דו וואָלסט, לכל הפחות, געהאט פארשטאנד זיך צו שעמען פאר מיר... פאר שלום-געצלס זון—אַ, דו ביסט אויך דא, איך האב דיך גאר-נישט געזען — נו, דאָרסטן צווישן זיך וועט איר זיך געגוג אָנרעדן על השם ועל משיחו... הם... ירמיה, אויך אין דיר האב איך א טעות געהאט...

איך האָב דערנאך גערעכנט אויסצונוצן דידאָזיקע סצענע :

— דײַן מצב, עובדיה, איז א נישט נאטירלעכער ; ביסט געצוואונגען צי זיין צביעותדיק און צו פארדעקן דיינע געדאנקען, און דאָרטן !..

— ניין, ירמיה, הער אויף צו רעדן נארישקייטן. ערשטנס, פארשטייסטו דאָך אליין, אז מיינע עלטערן וועלן מיך נישט לאָזן פארן, זיי געפינען זיך אין א צרה... קען איך גיין קעגן זיי ?.. און איך האב סך הכל פופצן רובל.

— און איך האב דאך קיין פינף אויך נישט...

— אין מביאין ראיה מן השוטים, מ׳נעמט נישט אראָפ קיין ביישפיל פון נאראָנים ! כא-כא-כא... ניין, ירמיה, אינדערעמתן, וואס וועל איך טאָן מיט פופצן רובל ? נאך עפעס... ווייסט, וואס איך וועל דיר זאָגן ?.. כ׳האב מורא, טאָמער וועל איך בלייבן נישט אהין, נישט אהער...

— א וודאי !.. אָט דאס איז דאך עס, וואָס איך זאָג...

— ניין, נישט דאס מיין איך... איך מיין, כ׳מיין צו זאָגן, אז סוואָלט גוט געווען, איך זאל אָנהויבן לערנען... מיט אן אמת... פארשטייסט ? מיט אן אמת..

— וואס לערנען ?

— לערנען !

— ס׳הייסט, אוועקוואַרפן די „אפיקורסות" און קריגן סמיכה ?

— און באמת, ירמיה, וואס מיינסטו... איך וועל דיר אנטפלעקן מיין געדאנק, אז סוואלט באמת גוט געווען, ווען די משכילים פארלאָזן נישט די רבנות, מיר וואָלטן דאן געווען געראַטעוועטע...

— נו, נו, איך בעט דיך... לויט מיר, איז גאָרדאנס ר׳ וואָפסי טויזנט מאָל בעסער פון יענע יונגעלייט, וואס מיר קענען, פון די צבועקעס, ימח שמם ! ס׳איז מיר ליבער א נאָגל פ׳ן די נאַאיווע פרומע לייט ווי דער גאנצער בויך פון די פרייַגעזאָגענע צבועקעס, די „היינטיקע", כלומרשט, וואס רעדן וועגן „דארווין" און „באָקל", און אז ס׳קומט צו עפעס, זאָגן זיי : „מיר קענען דאך נוט דידאַזיקע קאָמפאַניע ; אונז וועט

כ׳עץ נישט געגאַרן״. אבער לאָמיר עס אָפּלאזן. איצט ענטפער מיר נאר אויף דער קליינער פראגע: וויאזוי קענסטו, דו, וואס האסט פארזוכט פונם עץ־הדעת, פארברענגען דיין צייט מיט די דינים פון קדשים און קרבנות, מיט די דינים...

— ירמיה! כ׳שווער דיר, אז איך פארשטיי נישט, וואס דו רעדסט, צי דען געפעלט דיר טאַקי נישט דער תלמוד, וואס איז שטענדיק געווען די פעסטונג־מויער פון אונזער נאַציאָנאַליזם אין אלע צייטן פון אונזער גלות־לעבן? צי דען אָסטו פארגעסן דעם מאמר „ישראל ואורייתא״, יידן און די תורה, וואס דו האסט אליין געשריבן? אויך איך בין נישט מסכים מיט די חומרות, וואס מ׳האט מוסיף געווען נישט לויטן דין נאך, נאר צוליב „ויש נוהגים לאיסורא״, „אַנדערע זענען זיך נוהג צו אסרן״, אָבער קעגן תלמוד גופא!..

— נו, עובדיה, ווייזט אויס, אז איך מוז פאָרן אליין...

און ס׳איז נאָך נישט אַדורך דער יום־טוב — און איך בין שוין געווען אין ב.